# באָנטשע שווייַג

דאָ, אויף דער וועלט, האָט באָנטשע שווייַגס טויט גאָר קיין איינדרוק נישט געמאַכט. פֿרעגט עמעצן בחרם: ווער באָנטשע איז געווען, ווי אַזוי ער האָט געלעבט, אויף וואָס ער איז געשטאָרבן! צי האָט אין אים דאָס האַרץ געפּלאַצט, צי די כּוחות זייַנען אים אויסגעגאַנגען, צי דער מאַרכבייַן האָט זיך איבערגעבראָכן אונטער אַ שווערער לאַסט... ווער ווייסט? אפֿשר איז ער גאָר פֿאַר הונגער געשטאָרבן!

אַ פֿערד אין טראַמווייַ זאָל פֿאַלן, וואָלט מען זיך מער אינטערעסירט. עס וואָלטן צייַטונגען געשריבן, הונדערטער מענטשן וואָלטן פֿון אַלע גאַסן געלאָפֿן און די נבֿלה באַקוקט; באַטראַכט אפֿילו דאָס אָרט, ווו די מפּלה איז געווען...

נאָר דאָס פֿערד אין טראַמווייַ וואָלט אויך די זכיה נישט געהאַט, עס זאָלן זייַן אַזוי פֿיל פֿערד ווי מענטשן — טויזנט מיליאָן...

באָנטשע האָט שטיל געלעבט און איז שטיל געשטאָרבן; ווי אַ שאָטן איז ער דורך — דורך אונדזער וועלט!

אויף באָנטשעס ברית האָט מען קיין ווייַן נישט געטרונקען. עס האָבן קיין כּוסות געקלונגען. צו בר־מצווה האָט ער קיין קלינגענדיקע דרשה נישט געזאָגט... געלעבט האָט ער ווי אַ גרוי, קליין קערנדל זאַמד בייַם ברעג פֿון ים, צווישן מיליאָנען זייַנס גלייַכן. און אַז דער ווינט האָט'ן[1] אויפֿגעהויבן און אויף דער אַנדערער זייַט ים אַריבערגעיאָגט, האָט עס קיינער נישט באַמערקט.

בייַם לעבן האָט די נאַסע בלאָטע קיין צייכן פֿון זייַן פֿוס נישט באַהאַלטן. נאָכן טויט האָט דער ווינט דאָס קליינע ברעטל פֿון זייַן קבֿר אומגעוואָרפֿן; דעם קבֿרנס ווייַב האָט עס געפֿונען ווייַט פֿון קבֿר און דערבייַ אַ טעפּל קאַרטאָפֿל אָפּגעקאָכט. עס איז דרייַ טעג נאָך באָנטשעס טויט, פֿרעגט דעם קבֿרן בחרם, ווו ער האָט'ן געלייגט!

וואָלט באָנטשע אַ מצבֿה געהאַט, וואָלט אפֿשר איבער הונדערט יאָר אַן אַלטערטום־פֿאָרשער זי געפֿונען און דער נאָמען „באָנטשע שווייַג" וואָלט נאָך אַ מאָל איבערגעקלונגען אין אונדזער לופֿט.

אַ שאָטן! זייַן פֿאָטאָגראַפֿיע איז נישט געבליבן בייַ קיינעם אין מוח, בייַ קיינעם אין האַרץ. עס איז פֿון אים קיין זכר נישט געבליבן.

„קיין קינד, קיין רינד"; עלנט געלעבט — עלנט געשטאָרבן!

ווען נישט דאָס מענטשלעכע גערודער, וואָלט אפֿשר עמעצער אַ מאָל דערהערט, ווי באָנטשעס מאַרכבייַן האָט אונטער דער לאַסט געקנאַקט; וואָלט די וועלט מער צייַט געהאַט; וואָלט עמעצער אַ מאָל באַמערקט, אַז באָנטשע (אויך אַ מענטש) האָט לעבעדיקערהייט צוויי אויסגעלאָשענע אויגן און שרעקלעך־אייַנגעפֿאַלענע באַקן, אַז אפֿילו ווען ער האָט גאָר שוין קיין לאַסט נישט אויף די פּלייצעס,

# BONTSHE SHVAYG

Here on earth the death of Bontshe Shvayg made no impression. Try asking who Bontshe was, how he lived, what he died of (Did his heart give out? Did he drop from exhaustion? Did he break his back beneath too heavy a load?), and no one can give you an answer. For all you know, he might have starved to death.

The death of a tram horse would have caused more excitement. It would have been written up in the papers; hundreds of people would have flocked to see the carcass, or even the place where it lay. But that's only because horses are scarcer than people. Billions of people!

Bontshe lived and died in silence. Like a shadow he passed through this world.

No wine was drunk at Bontshe's circumcision, no glasses clinked in a toast; no speech to show off his knowledge was given at his bar mitzva. He lived like a grain of gray sand at the edge of the sea, beside millions of other grains. No one noticed when the wind whirled him off and carried him to the far shore.

While Bontshe lived, his feet left no tracks in the mud; when he died, the wind blew away the wooden sign marking his grave. The gravedigger's wife found it some distance away and used it to boil potatoes. Do you think that three days after Bontshe was dead anyone knew where he lay? There was not even a gravestone for a future antiquarian to unearth and mouth the name of Bontshe Shvayg one last time.

A shadow! No mind, no heart, preserved his image. Nothing remained of him at all. Not a trace. Alone he lived and alone he died.

Were not humanity so noisy, someone might have heard Bontshe's bones as they cracked beneath their burden. Were the world in less of a hurry, someone might have noticed that Bontshe, a fellow member of the human race, had in his lifetime two lifeless eyes, a pair of sinkholes for cheeks, and, even when no weight bent his back, a head bowed to the ground as if searching for his own grave.

איז אים אויך דער קאָפּ צו דער ערד געבויגן, גלײַך ער וואָלט לעבע־דיקערהייט זײַן קבר געזוכט. וואָלטן אַזוי ווייניק מענטשן ווי פֿערד אין טראַמווײַ געווען. וואָלט אפֿשר אַ מאָל עמעצער געפֿרעגט: ווו איז באָנטשע אַהינגעקומען?!

ווען מען האָט באָנטשען אין שפּיטאָל אַרײַנגעפֿירט, איז זײַן ווינקל אין סוטערינע[2] נישט ליידיק געבליבן — עס האָבן דערויף צען זײַנס גלײַכן דערוואַרט און צווישן זיך דעם ווינקל אין פּלוס[3] ליציטירט. ווען מען האָט'ן פֿון שפּיטאָלבעט אין טויטנשטיבל אַרײַנגעטראָגן, האָבן אויפֿן בעט צוואַנציק אָרעמע קראַנקע געוואַרט... ווען ער איז אַרויס פֿון טויטנשטיבל — האָט מען צוואַנציק הרוגים פֿון אונטער אַן אײַנגעפֿאַלענעם הויז געבראַכט — — — ווער ווייסט,

[2] קעלער. — [3] (לאַטיין) מער ווי דערוואַרט, איינס און צוויי.

ווי לאַנג ער וועט רויִק ווינען אין קבר? ווער ווייסט, וויפֿל עס וואַרטן שוין אויף דעם שטיקל פּלאַץ...

שטיל געבוירן, שטיל געלעבט, שטיל געשטאָרבן און נאָך שטי־לער באַגראָבן — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָר נישט אַזוי איז געווען אויף יענער וועלט! דאָרטן האָט באָנטשעס טויט אַ גרויסן אײַנדרוק געמאַכט.

דער גרויסער שופֿר פֿון משיחס צײַטן האָט געקלונגען אין אַלע זיבן הימלען: באָנטשע שווײַג איז נפֿטר געוואָרן! די גרעסטע מלאָכים מיט די ברייטסטע פֿליגל זײַנען געפֿלויגן און איינער האָט דעם אַנדערן איבערגעגעבן: באָנטשע איז נתבקש געוואָרן בישיבֿה של מעלה! אין גן־עדן איז אַ רעש, אַ שׂמחה, אַ גערודער: „באָנטשע שווײַג! אַ שפּאַס, באָנטשע שווײַג!!!"

יונגע מלאָכימלעך מיט בריליאַנטענע אייגעלעך, גאָלדענע דראָט־אַרבעטנדיקע פֿליגעלעך און זילבערנע פּאַנטאָפֿעלעך זײַנען באָנטשען אַנטקעגנגעפֿלויגן מיט שׂמחה. דער גערויש פֿון די פֿליגל, דאָס קלאַ־פּן פֿון די פּאַנטאָפֿעלעך און דאָס פֿריילעכע לאַכן פֿון די יונגע, פֿרישע, רויזיקע מײַלעכלעך האָט פֿאַרפֿולט אַלע הימלען. און איז צוגעקומען ביז צום כּסא הכּבֿוד, און גאָט אַליין האָט אויך שוין געוווּסט, אַז באָנטשע שווײַג קומט.

אבֿרהם אָבֿינו האָט זיך אין טויער פֿון הימל געשטעלט, די רעכטע האַנט אויסגעשטרעקט צום ברייטן שלום עליכם און אַ זיסער שמייכל שײַנט אַזוי העל אויף זײַן אַלטן פּנים.

וואָס רעדלט אַזוי אין הימל? דאָס האָבן צוויי מלאָכים אין גן־עדן אַרײַן פֿאַר באָנטשעס וועגן אַ גינגאָלדענעם פֿאָטערשטול אויף רעדלעך געפֿירט.

וואָס האָט אַזוי העל געבליצט? דאָס האָט מען דורכגעפֿירט אַ גאָלדענע קרוין מיט די טײַערסטע שטיינער געזעצט. אַלץ פֿאַר באָנטשען!



Were men as rare as horses, someone would surely have wondered where he disappeared to.

When Bontshe was brought to the hospital, the corner of the cellar he had called his home did not remain vacant, because ten men bid for it at once; when he was taken from the hospital ward to the morgue, twenty sick paupers were candidates for his bed; when he was carried out of the morgue, forty men killed in the fall of a building were carried in. Think of how many others are waiting to share his plot of earth with him and well may you wonder how long he will rest there in peace.

He was born in silence. He lived in silence. He died in silence. And he was buried in a silence greater yet.

But that's not how it was in the other world. There Bontshe's death was an occasion.

A blast of the Messiah's horn sounded in all seven heavens: "Bontshe Shvayg has passed away! Bontshe has been summoned to his Maker!" the most exalted angels with the brightest wings informed each other in midflight. A joyous din broke out in paradise: "Bontshe Shvayg—it doesn't happen every day!"

Young, silver-booted cherubs with diamond-bright eyes and gold-filigreed wings ran gaily to greet Bontshe when he came. The flapping of their wings, the patter of their boots, and the merry ripple of laughter from their fresh, rosy mouths echoed through the heavens as far as the mercy seat, where God Himself soon knew that Bontshe Shvayg was on his way.

At the gates of heaven stood Father Abraham, his right hand outstretched in cordial welcome and the most radiant of smiles on his old face.

But what was that sound?

It was two angels wheeling a golden chair into paradise for Bontshe to sit on.

And what was that flash?

It was a gold crown set with gleaming jewels. All for Bontshe!

"What, before the Heavenly Tribunal has even handed down its verdict?" marveled the saints, not without envy.

"Ah!" answered the angels. "Everyone knows that's only a formality. The prosecution doesn't have a leg to stand on. The whole business will be over in five minutes. You're not dealing with just anyone, you know!"

. . .

— נאָך פֿאַר'ן פּסק פֿון בית־דין של מעלה? — פֿרעגן די צדיקים פֿאַרוווּנדערט און נישט גאָר אָן קנאה.

— אָ! — ענטפֿערן די מלאָכים — דאָס וועט זײַן אַ פּראָסטע פּוסטע פֿאָרמע! קעגן באָנטשע שווײַג וועט אפֿילו דער קטיגור קיין וואָרט אין מויל נישט געפֿינען! די „דיעלע"[4] וועט דויערן פֿינף מינוט.

— איר שפּילט זיך מיט באָנטשע שווײַג?

*

אַז די מלאָכימלעך האָבן באָנטשען געכאַפּט אין דער לופֿט און אָפּגעשפּילט אים אַ זמר; אַז אבֿרהם אבֿינו האָט אים ווי אַן אַלטן קאַמעראַד די האַנט געשאָקלט; אַז ער האָט געהערט, אַז זײַן שטול איז גרייט אין גן־עדן; אַז אויף זײַן קאָפּ וואַרט אַ קרוין; אַז אין בית־דין של מעלה וועט מען איבער אים קיין וואָרט נישט ריידן — האָט באָנטשע, גלײַך ווי אויף יענער וועלט, געשוויגן פֿאַר שרעק. עס איז אים דאָס האַרץ אַנטגאַנגען! ער איז זיכער, אַז דאָס מוז זײַן אַ חלום אָדער אַ פּראָסטער טעות.

ער איז צו בײדע געוווינט. נישט איין מאָל האָט אים אויף יענער וועלט זיך געחלומט, אַז ער קלײַבט געלט אויף דער פּאָד־לאָגע: גאַנצע אוצרות ליגן... און אויפֿגעכאַפּט האָט ער זיך נאָך אַ גרעסערער קבצן ווי נעכטן... נישט איין מאָל האָט אים עמעץ בטעות צוגעשמייכלט, אַ גוט וואָרט געזאָגט און איבערגעדרייט זיך און אויסגעשפּיגן...

— מײַן מזל — טראַכט ער — איז שוין אַזוי!

און ער האָט מורא די אויגן אויפֿצוהייבן, דער חלום זאָל נישט פֿאַרשווינדן; ער זאָל זיך נישט אויפֿכאַפּן ערגעץ אין אַ הייל צווישן שלאַנגען און עקדישן! ער האָט מורא פֿון מויל אַ קלאַנג אַרויסצולאָזן, מיט אַ גליד אַ ריר צו טאָן — מען זאָל אים נישט דערקענען און אַוועקשלײַדערן אויף כּף־הקלע...

ער ציטערט און הערט נישט די מלאָכימס קאָמפּלימענטן, זעט נישט זייער טאַנצן אַרום אים, ער ענטפֿערט נישט אבֿרהם אָבֿינו אויפֿן האַרצלעכן שלום עליכם און — געפֿירט צום בית־דין של מעלה — זאָגט ער אים קיין גוט־מאָרגן נישט...

אויסער זיך איז ער פֿאַר שרעק.

און זײַן שרעק איז נאָך גרעסער געוואָרן, אַז ער האָט נישט ווילנדיק דערזען די פּאָדלאָגע פֿון בית־דין של מעלה. סאַמע אַלבאַס־טער מיט בריליאַנטן! „אויף אַזאַ פּאָדלאָגע שטייען מײַנע פֿיס!" — ער ווערט אין גאַנצן פֿאַרשטאַרט. „ווער ווייסט, וועלכן גבֿיר, וועלכן רבֿ, וועלכן צדיק מען מיינט... ער וועט קומען — וועט זײַן מײַן פֿינצטערער סוף!"



When the cherubs raised Bontshe on high and sounded a heavenly fanfare, when Father Abraham reached out to shake his hand like an old friend, when Bontshe heard that a gold crown and chair awaited him in paradise and that the heavenly prosecutor had no case to present, he behaved exactly as he would have in this world—that is, he was too frightened to speak. His heart skipped a beat. He was sure it must be either a dream or a mistake.

He was accustomed to both. More than once in this world of ours he had dreamed of finding gold in the street, whole treasure chests of it, only to awake as great a beggar as before. More than once some passerby had smiled or said hello only to turn aside in disgust upon realizing his error.

That's how my luck is, Bontshe thought.

He was afraid that if he opened his eyes the dream would vanish and he would find himself in a dark cave full of vermin. He was afraid that if he uttered a sound or moved a limb he would be recognized at once and whisked away by the devil.

He was trembling so hard that he did not hear the cherubs sing his praises or see them dance around him. He did not return Father Abraham's hearty greeting or bid the Heavenly Tribunal good day when he was ushered before it.

He was scared out of his wits.

His fright, moreover, grew even greater when his eyes fell involuntarily on the floor of the courtroom. It was solid alabaster inlaid with diamonds! Just look where I'm standing, he thought, too paralyzed to move. Who knows what rich Jew or rabbi they've mixed me up with? In a minute he'll arrive, and that will be the end of me!

פֿאַר שרעק האָט ער אַפֿילו נישט געהערט, ווי דער פּרעזעס האָט בפֿירוש אויסגערופֿן: „די דיעלע פֿון באָנטשע שווײַג!“ און דערלאַנגענדיק דעם מליץ־יושר די אַקטן, געזאָגט: „לייען, נאָר בקיצור!“

מיט באָנטשען דרייט זיך דער גאַנצער סאַלאָן. עס רוישט אים אין די אויערן. אינעם גערויש הערט ער דאָך אַלע מאָל שאַרפֿער און שאַרפֿער דעם מלאך־מליצס זיסן קול ווי אַ פֿידל:

— זײַן נאָמען — הערט ער — האָט אים געפּאַסט ווי צו אַ שלאַנקן לײַב אַ קלייד פֿון אַן אַרטיסט אַ שנײַדערס האַנט.

— וואָס רעדט ער? — פֿרעגט זיך באָנטשע און ער הערט ווי אַן אומגעדולדיקער קול האַקט־איבער און זאָגט:

— נאָר אָן משלים!

— ער האָט זיך קיין מאָל — הייבט ווײַטער אָן דער מליץ־יושר — אויף קיינעם נישט געקלאָגט, נישט אויף גאָט, נישט אויף לײַט. אין זײַן אויג האָט קיין מאָל נישט אויפֿגעפֿלאַמט קיין פֿונק פֿון האַס. ער האָט עס קיין מאָל נישט אויפֿגעהויבן מיט אַ פּרעטענזיע צום הימל.

באָנטשע פֿאַרשטייט ווײַטער נישט אַ וואָרט און דאָס האַרטע קול שלאָגט ווײַטער איבער:

— אָן רעטאָריק!

— איוב האָט נישט אויסגעהאַלטן. ער איז אומגליקלעכער געווען — —

— פֿאַקטן, טרוקענע פֿאַקטן! — רופֿט נאָך אומגעדולדיקער דער פּרעזעס.

— צו אַכט טעג האָט מען אים מל געווען —

— נאָר אָן רעאַליזם!

— אַ מוהל אַ פּושער האָט דאָס בלוט נישט פֿאַרהאַלטן...

— ווײַטער!

— ער האָט אַלץ געשוויגן — פֿירט ווײַטער דער מליץ־יושר — אַפֿילו ווען די מוטער איז אים געשטאָרבן און ער האָט צו דרײַצן יאָר אַ שטיפֿמאַמע באַקומען... אַ שטיפֿמאַמע אַ שלאַנג, אַ מרשעת...

— מיינט מען דאָך אפֿשר פֿאָרט מיך? — טראַכט באָנטשע.

— אָן אינסינואַציעס אויף דריטע פּערזאָנען! — בייזערט זיך דער פּרעזעס.

— זי פֿלעגט אים קאַרגן דעם ביסן... אייערנעכטיק פֿאַרשימלט ברויט... האָרפֿלאַקס פֿאַר פֿלייש... און זי האָט קאַווע מיט סמעטענע געטרונקען...

— צו דער זאַך! — שרײַט דער פּרעזעס.

— זי האָט פֿאַר דאָס קיין נעגל נישט געקאַרגט און זײַן ברוין־און־בלויער לײַב פֿלעגט אַרויסקוקן דורך אַלע לעכער פֿון זײַנע

He was too frightened to hear the presiding judge call out, "The case of Bontshe Shvayg!" adding as he handed Bontshe's file to the defense counsel, "You have the floor, but be quick!"

The whole courtroom seemed to revolve around him. There was a buzzing in his ears. Gradually, he began to make out the counsel's voice, as sweet as a violin:

"The name of Bontshe Shvayg, Bontshe the Silent," the counsel was saying, "fit him like a tailored suit."

What is he talking about? wondered Bontshe just as the judge remarked impatiently:

"No poetry, please!"

"Not once in his whole life," the counsel for the defense went on, "did he complain to God or to man. Not once did he feel a drop of anger or cast an accusing glance at heaven."

Bontshe still understood nothing. Again the brusque voice interrupted:

"You can skip the rhetoric too!"

"Even Job broke down in the end, whereas this man, who suffered even more—"

"Stick to the facts!" warned the bench.

"At the age of eight days his circumcision was botched by a bungler—"

"That doesn't mean the gory details!"

"—who couldn't even staunch the blood."

"Proceed!"

"He bore it all in silence," continued the counsel for the defense. "Even when, at the age of thirteen, his mother died and her place was taken by a stepmother with the heart of a snake—"

That does sound like me, marveled Bontshe.

"No hearsay evidence!" snapped the judge.

"She scrimped on his food. She fed him moldy bread and gristle while she herself drank coffee with cream in it—"

"Get to the point!"

"She didn't spare him her fingernails, though. His black-and-blue marks showed through the holes in the old rags she dressed him in.

פֿאַרשימלט־צעריסענע קליידער... ווינטער אין די גרעסטע פֿרעסט האָט ער איר באָרוועס אויפֿן הויף האָלץ געהאַקט און די הענט זײַנען צו יונג און צו שוואַך געווען, די קלעצלעך צו דיק, די האַק צו שטומפּיק... נישט איין מאָל האָט ער זיך די פֿיס אָפּגעפֿרוירן, נאָר געשוויגן האָט ער, אַפֿילו זיך פֿאַרן פֿאָטער...

— פֿאַרן שיכּור! — לאַכט־אַרײַן דער קטיגור און באָנטשען ווערט קאַלט אין אַלע אבֿרים.

— נישט געקלאָגט! — ענדיקט דער מליץ־יושר דעם זאַץ.

— און שטענדיק עלנט — פֿירט ער ווײַטער — קיין חבֿר, קיין תּלמוד תּורה, קיין חדר... קיין גאַנץ בגד... קיין פֿרײַע מינוט...

— פֿאַקטן! — רופֿט ווײַטער דער פּרעזעס.

— ער האָט געשוויגן אַפֿילו שפּעטער, ווען דער פֿאָטער האָט'ן שיכּורערהייט אַ מאָל אָנגעכאַפּט בײַ די האָר און אין מיטן אַ שנייענדיקער ווינטערנאַכט אַרויסגעוואָרפֿן פֿון שטוב. ער האָט זיך שטיל אויפֿגעהויבן פֿון שניי און אַנטלאָפֿן, ווו די אויגן האָבן אים געטראָגן...

אויפֿן גאַנצן וועג האָט ער געשוויגן... בײַם גרעסטן הונגער האָט ער נאָר מיט די אויגן געבעטלט!

ערשט אין אַ שווינדלענדיקער, נאַסער פֿרילינגנאַכט איז ער אין אַ גרויסער שטאָט אַרײַנגעקומען; ער איז אַרײַן ווי אַ טראָפּן אין ים און דאָך האָט ער די אייגענע נאַכט אין אַרעסט פֿאַרבראַכט... ער האָט געשוויגן, נישט געפֿרעגט: פֿאַר וואָס? פֿאַר ווען? ער איז אַרויס און די שווערסטע אַרבעט געזוכט. נאָר ער האָט געשוויגן!

שווערער פֿאַר דער אַרבעט איז געווען זי צו געפֿינען — ער האָט געשוויגן!

באָדנדיק זיך אין קאַלטן שוויס, צוזאַמענגעדריקט אונטער דער שווערסטער לאַסט, בײַם גרעסטן קראַמף אין לײדיקן מאָגן — האָט ער געשוויגן!

באַשפּריצט פֿון פֿרעמדער בלאָטע, באַשפּיגן פֿון פֿרעמדע מײַלער, געיאָגט פֿון טראָטואַרן מיט דער שווערסטער לאַסט אַראָפּ אין גאַסן צווישן דראָזשקעס[5], קאַרעטן און טראַמווײַען, קוקנדיק יעדע מינוט דעם טויט אין די אויגן אַרײַן — האָט ער געשוויגן!

ער האָט קיין מאָל נישט איבערגערעכנט, וויפֿל פּוד לאַסט עס קומט־אויס אויף אַ גראָשן, וויפֿל מאָל ער איז געפֿאַלן בײַ יעדן גאַנג פֿאַר אַ דרײַער, וויפֿל מאָל ער האָט שיִער נישט די

5 (פּויל') שטאָטישער וואָגן פֿאַר 2 ביז 5 פּאַסאַזשירן.

She made him chop wood for her on the coldest days of winter, standing barefoot in the yard. He was too young and weak to wield the ax, which was too dull to cut the wood, which was too thick to be cut. He wrenched his arms and froze his feet more times than you can count. But still he kept silent, even before his own father—"

"His father? A drunk!" laughed the prosecutor, sending a chill down Bontshe's spine.

"—he never complained," continued the defense counsel. "He hadn't a soul to turn to. No friends, no schoolmates, no school . . . not one whole item of clothing . . . not a free second of time—"

"The facts!" repeated the bench.

"He even kept silent when his father, in a drunken fit, took him by the neck one snowy winter night and threw him out of the house. He picked himself out of the snow without a peep and followed his feet where they took him. At no time did he ever say a word. Even when half-dead from hunger, he never begged except with his eyes.

"At last, one dizzy, wet spring evening, he arrived in a great city. He vanished in it like a drop of water in the sea, though not before spending his first night in jail for vagrancy. And still he kept silent, never asking why or how long. He worked at the meanest jobs and said nothing. And don't think it was easy to find them.

"Drenched in his own sweat, doubled over beneath more than a man can carry, his stomach gnawed by hunger, he kept silent!

"Spattered with the mud of city streets, spat on by unknown strangers, driven from the sidewalk to stagger in the gutter with his load beside carriages, wagons, and tram cars, looking death in the eye every minute, he kept silent!

"He never reckoned how many tons he had to carry for each ruble; he kept no track of how often he stumbled and fell; he didn't count the times he had to sweat blood to be paid. Never once did

נשמה אויסגעשפּיגן, מאָנענדיק זײַן פֿאַרדינסט; ער האָט נישט גערעכנט, נישט דײַן, נישט יענעמס מזל, נאָר געשוויגן!

זײַן אייגן פֿאַרדינסט האָט ער אויך נישט הויך געמאָנט. ווי אַ בעטלער האָט ער זיך בײַ דער טיר געשטעלט און אין די אויגן האָט זיך אַ הינטישע בקשה געמאָלט. „קום שפּעטער" — און ער איז פֿאַרשווּנדן שטיל, ווי אַ שאָטן, כּדי שפּעטער נאָך שטילער אויסצובעטלען זײַן פֿאַרדינסט.

ער האָט אַפילו געשוויגן, ווען מען פֿלעגט אים אָפּרײַסן פֿון זײַן פֿאַרדינסט אָדער אַרײַנוואַרפֿן אַ פֿאַלשע מטבע...

ער האָט אַלץ געשוויגן...

— מיינט מען דאָך טאַקע מיך! — טרייסט זיך באָנטשע.

*

— איין מאָל — פֿירט ווײַטער דער מליץ־יושר נאָך אַ טרונק וואַסער — איז אין זײַן לעבן אַן ענדערונג געשען... עס איז דורכגעפֿלויגן אַ קאַטש אויף גומענע רעדער מיט צעפֿלאָשעטע פֿערד... דער שמײַסער איז שוין לאַנג פֿון ווײַטנס געלעגן מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ אויפֿן ברוק... פֿון די דערשראָקענע פֿערדס מײַלער שפּריצט דער שוים; פֿון אונטער די פּאָדקאָווע יאָגן זיך פֿונקען; די אויגן בלישטשען ווי ברענענדיקע שטורקאַצן אין אַ פֿינצטערער נאַכט — און אין קאַטש זיצט, נישט טויט, נישט לעבעדיק, אַ מענטש.

און באָנטשע האָט די פֿערד פֿאַרהאַלטן!

און דער געראַטעוועטער איז געווען אַ ייִד אַ בעל־צדקה און האָט באָנטשען די טובֿה נישט פֿאַרגעסן.

ער האָט אים דעם געהרגעטנס בײַטש איבערגעגעבן; באָנטשע איז אַ שמײַסער געוואָרן. נאָך מער — ער האָט אים חתונה געמאַכט. נאָך מער — — ער האָט אים אַפילו מיט אַ קינד פֿאַרזאָרגט...

און באָנטשע האָט אַלץ געשוויגן!

— מיך מיינט מען, מיך! — באַפֿעסטיקט זיך באָנטשע אין דער דעה און האָט דאָך נישט די העזה אַן אויג צו וואַרפֿן אויפֿן בית־דין של מעלה...

ער הערט זיך ווײַטער אײַן צום מלאך־מליץ:

ער האָט געשוויגן, אַפילו ווען זײַן בעל־טובֿה האָט אין קורצן באַנקראָטירט און אים זײַן לוין נישט באַצאָלט...

ער האָט געשוויגן, אַפילו ווען דאָס ווײַב איז פֿון אים אַנטלאָפֿן און איבערגעלאָזט אים אַ קינד פֿון דער ברוסט...

ער האָט געשוויגן אַפילו מיט פֿופֿצן יאָר שפּעטער, ווען דאָס קינד איז אויפֿגעוואַקסן און גענוג שטאַרק געווען — באָנטשען אַרויסצוּוואַרפֿן פֿון שטוב...

— מיך מיינט מען, מיך! — פֿרייט זיך באָנטשע.

he stop to ask himself why fate was kinder to others. He kept silent!

"He never even raised his voice to demand his meager wage. Like a beggar he stood in doorways, glancing up as humbly as a dog at its master. "Come back later!" he would be told—and like a shadow he was gone, coming back later to beg again for what was his.

"He said nothing when cheated, nothing when paid with bad money.

"He kept silent!"

Why, perhaps they mean me after all, thought Bontshe, taking heart.

"Once," continued the counsel for the defense after a sip of water, "things seemed about to look up. A droshky raced by Bontshe pulled by runaway horses, its coachman thrown senseless on the cobblestones, his skull split wide open. The frightened horses foamed at the mouth, sparks shot from under their hooves, their eyes glittered like torches on a dark night—and in his seat cringed a passenger, more dead than alive.

"And it was Bontshe who stopped the horses!

"The rescued passenger was a generous Jew who rewarded Bontshe for his deed. He handed him the dead driver's whip and made him a coachman, found him a wife and made him a wedding too, and was even thoughtful enough to provide him with a baby boy. . . .

"And Bontshe kept silent!"

It certainly sounds like me, thought Bontshe, almost convinced, though he still did not dare look up at the tribunal. He listened as the counsel went on:

"He kept silent when his benefactor went bankrupt without giving him a day's pay. He kept silent when his wife ran off and left him with the little infant. And fifteen years later, when the boy was strong enough to throw his father into the street, Bontshe kept silent then too!"

It's me, all right! decided Bontshe happily.

— ער האָט אפילו געשוויגן — הייבט־אָן וויכער און טרויע־ריקער דער מלאך־מליץ — ווען דער אייגענער בעל־טובה האָט זיך מיט אַלע אויסגעגלייכט. נאָר אים קיין גראָשן שכירות נישט צוריקגעבן, און אפילו דעמאָלט, ווען ער איז באָנטשען (ווייטער פאָרנדיק אויף אַ קאָטש מיט גומענע רעדער און פערד ווי לייבן) איבערגעפאָרן...

ער האָט אַלץ געשוויגן! ער האָט אפילו דער פאָליציי נישט געזאָגט, ווער עס האָט אים צו רעכט געמאַכט...

*

ער האָט געשוויגן אפילו אין שפיטאָל, ווו מען מעג שוין שרייען!

ער האָט געשוויגן, אפילו ווען דער דאָקטער האָט — אָן פופצן קאָפּיקעס — נישט געוואָלט צוגיין צו זיין בעט און דער וועכטער — אָן פינף קאָפּיקעס — טוישן אים די וועש...

ער האָט געשוויגן ביים גוססן — ער האָט געשוויגן ביים שטאַרבן...

קיין וואָרט קעגן גאָט, קיין וואָרט קעגן לייט!

— דיקסי!

*

באָנטשע הייבט־אָן ווייטער צו ציטערן אויפן גאַנצן לייב. ער ווייסט, אַז נאָכן מליץ־יושר גייט דער קטיגור. ווער ווייסט, וואָס דער וועט זאָגן! באָנטשע אַליין האָט זיין לעבן נישט געדענקט. נאָך אויף יענער וועלט האָט ער יעדע מינוט די פריערדיקע פאַרגעסן... דער מלאך־מליץ האָט אים אַלץ דערמאָנט... ווער ווייסט, וואָס דער קטיגור וועט אים דערמאָנען!

— רבותי! — הייבט־אָן אַ שאַרף־שטעכנדיק־בריענדיקער קול — נאָר ער האַקט־אָפּ —

— רבותי! — הייבט ער נאָך אַ מאָל אָן, נאָר ווייכער און האַקט ווייטער אָפּ.

ענדלעך הערט זיך, פון דעם אייגענעם האַלדז אַרויס, כמעט אַ ווייך קול:

— רבותי! ער האָט געשוויגן! וועל איך אויך שווייגן!

עס ווערט שטיל — און פון פאָרנט הערט זיך אַ נייע, ווייכע, ציטערדיקע שטימע:

— באָנטשע, מיין קינד באָנטשע! — רופט זי אים ווי אַ האַר־פּע... — מיין האַרציק קינד באָנטשע!

אין באָנטשען צעוויינט זיך דאָס האַרץ... ער וואָלט שוין אַצינד די אויגן געעפנט, נאָר זיי זיינען פאַרפּינצטערט פון טרערן... עס איז אים אַזוי זיס־וויינענדיק קיין מאָל נישט געווען... „מיין קינד", „מיין באָנטשע" — זינט די מוטער איז געשטאָרבן האָט ער אַזאַ קול און אַזוינע ווערטער נישט געהערט...

"He even kept silent in the hospital, the one place where a man can scream.

"He kept silent when the doctor would not examine him without half a ruble in advance and when the orderly wanted five kopecks to change his dirty sheets. He kept silent as he lay dying. He kept silent when he died. Not one word against God. Not one word against man.

"The defense rests!"

Once again Bontshe trembled all over. He knew that the defense was followed by the prosecution. Who could tell what the prosecutor might say? Bontshe himself hardly remembered his own life. Back on earth each minute had obliterated the one before. The counsel for the defense had reminded him of many forgotten things; what might he learn from the prosecution?

"Gentlemen!" The voice of the prosecutor was sharp and piercing. At once, however, it broke off.

"Gentlemen . . ." it resumed, although more softly, only to break off again.

When it spoke a third time, it was almost tender. "Gentlemen," it said. "*He* kept silent. I will do the same."

There was a hush. Then, from the bench, another voice spoke tenderly, tremulously, too. "Bontshe, Bontshe, my child," it said in harplike tones. "My own dearest Bontshe!"

Bontshe felt a lump in his throat. He wanted to open his eyes at last, but his tears had sealed them shut. Never had he known that tears could be so sweet. "My child"; "my Bontshe"—not once since the death of his mother had he been spoken to like that.

— מײַן קינד! — פֿירט װײַטער דער אָבֿ־בית־דין — דו האָסט אַלץ געליטן און געשװיגן! עס איז נישטאָ קײן גאַנץ גליד, קײן גאַנץ בײנדל אין דײַן לײַב אָן אַ װונד, אָן אַ בלוטיקן אָרט. עס איז נישטאָ קײן איין באַהאַלטן אָרט אין דײַן נשמה, װוּ עס זאָל נישט בלוטן... און דו האָסט אַלץ געשװיגן... דאָרט האָט מען זיך נישט פֿאַרשטאַנען דערױף. דו אַלײן האָסט גאָר אפֿשר נישט געװוּסט, אַז דו קאָנסט שרײַען, און אַז פֿון דײַן געשרײ קאָנען יריחוס מױערן ציטערן און אײַנפֿאַלן... דו אַלײן האָסט פֿון דײַן פֿאַרשלאָפֿענעם כּוח נישט געװוּסט... אױף יענער װעלט האָט מען דײַן שװײַגן נישט באַלױנט, נאָר דאָרט איז דער עולם השקר, דאָ אױפֿן עולם אמת װעסט דו דײַן לױן באַקומען! דיך װעט דאָס בית־דין של־מעלה נישט משפּטן, דיך װעט עס נישט פּסקנען. דיר װעט עס קײן חלק נישט אױס־ און נישט אָפּטײלן: נעם דיר, װאָס דו װילסט! אַלץ איז דײַן!

באָנטשע הײבט דאָס ערשטע מאָל די אױגן אױף. ער װערט װי פֿאַרבלענדט פֿון דעם ליכט פֿון אַלע זײַטן. אַלץ בלאַנקט, אַלץ בלישטשעט, פֿון אַלעם יאָגן שטראַלן: פֿון די װענט, פֿון די כּלים, פֿון די מלאָכים, פֿון די דײנים! סאַמע ענגלען[6]!

ער לאָזט די מידע אױגן אַראָפּ.

— טאַקע? — פֿרעגט ער מסופּק און פֿאַרשעמט.

— זיכער! — ענטפֿערט פֿעסט דער אָבֿ־בית־דין — זיכער, זאָג איך דיר, אַז אַלץ איז דײַנס. אַלץ אין הימל געהער צו דיר! קלײַב און נעם, װאָס דו װילסט, דו נעמסט נאָר בײַ דיר אַלײן!

— טאַקע? — פֿרעגט באָנטשע נאָך אַ מאָל, נאָר שױן מיט אַ זיכערן קול.

— טאַקע! טאַקע! טאַקע! — ענטפֿערט מען אים אױף זיכער פֿון אַלע זײַטן.

— נו, אױב אַזױ — שמײכלט באָנטשע — װיל איך טאַקע אַלע טאָג אין דער פֿרי אַ הײסע בולקע מיט פֿרישע פּוטער!

דײנים און מלאָכים האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ פֿאַרשעמט. דער קטיגור האָט זיך צעלאַכט.

1894

[6] מלאָכים.

"My child," continued the judge, "you have suffered all in silence. There is not an unbroken bone in your body, not a corner of your soul that has not bled. And you have kept silent.

"There, in the world below, no one appreciated you. You yourself never knew that had you cried out but once, you could have brought down the walls of Jericho. You never knew what powers lay within you.

"There, in the World of Deceit, your silence went unrewarded. Here, in the World of Truth, it will be given its full due.

"The Heavenly Tribunal can pass no judgment on you. It is not for us to determine your portion of paradise. Take what you want! It is yours, all yours!"

Bontshe looked up for the first time. His eyes were blinded by the rays of light that streamed at him from all over. Everything glittered, glistened, blazed with light: the walls, the benches, the angels, the judges. So many angels!

He cast his dazed eyes down again. "Truly?" he asked, happy but abashed.

"Why, of course!" the judge said. "Of course! I tell you, it's all yours. All heaven belongs to you. Ask for anything you wish; you can choose what you like."

"Truly?" asked Bontshe again, a bit surer of himself.

"Truly! Truly! Truly!" clamored the heavenly host.

"Well, then," smiled Bontshe, "what I'd like most of all is a warm roll with fresh butter every morning."

The judges and angels hung their heads in shame. The prosecutor laughed.

*1894 (translated by Hillel Halkin)*